# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................7:35
מוצאי שב"ק.....................9:07

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................ירמי' ח'-ט'
בבלי.........................שבועות ב'
ירושלמי...................יבמות ל"א
תוספתא.......................נדרים ג'
רמב"ם.........................גניבה ד'


פרשת תזריע מצורע, מברכים בה"ב, אבות פרק ב', שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 31 (699)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דִי צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת פוּן נְגָעִים אוּן קְרֶעץ לֶערְנֶען אוּנְז, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וָואס אִיז דָאס נְגָעִים? וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף צָרַעַת 'סְגִירוּ', פַארְמַאכְט, פַארְשְׁפַּארְט, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? 'סְגִירוּ דִנְהוֹרָא עִלָּאָה' (פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, דַף מט עָמוּד ב) עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'סְגִירוּ דְטִיבוּ עִלָּאָה', עֶס אִיז פוּן אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַלֶע גוּטְס פוּן אוֹיבְן, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען פַארְלִירְט אַלֶע גוּטְס. וָואס אִיז דִי עֵצָה? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן? צוּרִיק שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי תּוֹרָה זָאגְט, דִי עֵצָה אִיז: "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ' וְרָאָה הַכֹּהֵן וְגוֹ', אַחֲרֵי הֵרָאוֹתוֹ אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ', לְכָל מַרְאֵה עֵינֵי הַכֹּהֵן וְגוֹ'", מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִיק אוּן טוּן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס קְרֶעצִיג. דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', מֶען הוֹיבְט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, בִּיז עֶס וֶוערְט צוּרִיק לִיכְטִיג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אוֹיךְ אִין דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דָאס אִיז תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפח): "**דַּע, שֶׁצָּרִיךְ לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק לַחֲזֹר עַל אֲבֵדָתוֹ**", ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיפְצוּזוּכְן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן, "**כִּי קֹדֶם שֶׁיּוֹצֵא הָאָדָם לַאֲוִיר הָעוֹלָם**", וַוייל אֵיידֶער מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, "**מְלַמְּדִין**", לֶערְנְט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "**וּמַרְאִין לוֹ כָּל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְלַעֲבֹד וּלְהַשִּׂיג בְּזֶה הָעוֹלָם**", אוּן מֶען וַוייזְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, "**וְכֵיוָן שֶׁיָּצָא לַאֲוִיר הָעוֹלָם מִיָּד נִשְׁכַּח מֵאִתּוֹ**", אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן - קוּמְט דֶער מַלְאָךְ, עֶר גֶעבְּט אַ פְּלִיק דֶעם קִינְד אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס. דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי עֲבוֹדָה פוּן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן. אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן אוּן וָואס עֶס פֶעלְט אִים, דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק, עֶר זָאל וַוייזְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן, אוּן דֶער צַדִיק הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרֶעפְן אַלֶע זַיינֶע אֲבֵדוֹת, עַיֵין שָׁם.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוּן קוּמֶען, טוּעֶן אוּן מַאכְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? וָואס אִיז מַיין צִיל אִין לֶעבְן?' אָבֶער וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִי צַייט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְן, מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין 'מַה חוֹבָתִי בָּעוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? מַיין פְלִיכְט אִיז אִיךְ זָאל אַנֶערְקֶענֶען אוּן טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. דִי מֶענֶער לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן דִי וַוייבֶּער הֶעלְפְן דִי מֶענֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען, מֶען פִילְט זִיךְ אָן מִיט הֵיילִיגְקֵייט בִּיז מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "**אַךְ הַצַּדִּיק אֵינוֹ מֵשִׁיב לוֹ הָאֲבֵדָה עַד שֶׁיִּדְרְשֶׁנּוּ אִם אֵינוֹ רַמַּאי וְשַׁקְרָן**", דֶער צַדִיק גֶעבְּט נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס, נָאר נָאכְן אִים אוֹיסְפָארְשְׁן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין לִיגְנֶער, אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז; מֶען גֵייט קוֹדֶם אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין מַשִּׂיג צוּ זַיין אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּרְךְ רִיבּוּי הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, בֹּא תשפ"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

וָואס מֵיינְסְטוּ, בִּיסְט נִישְׁט חָשׁוּב מֶער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דַוְקָא דִיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז דָאס וָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר ווִיל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים תַּעֲנוּגִים אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן מַלְאָכִים. מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט קֵיין יֵצֶר הָרָע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה, זֵיי זֶענֶען אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג; דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁל מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי מַייז פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ג' אִיָּר, י"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן, אוּן אֲפִילוּ בֵּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אוֹיף דַיינֶע כֵּלִים. הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְי' מְקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווילְסְט אַוַדַאי בִּזְכוּת דֶעם צַדִיק זֶען אַ יְשׁוּעָה, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען אַוֶועק וַוארְפְן דִי שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, דִי וֶועלְט זָאגְט, אַז מֶען הֶענְגְט אַ בִּילְד פוּן דֶעם צַדִיק אַנְטְלוֹיפְן דִי מַייז; קֶען מֶען אוֹיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַייז פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן, נִישְׁט קֵיין טֶעבְּלֶעט, נִישְׁט קֵיין קָאמְפְּיוּטֶער; דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין, אַ מִקְדָשׁ מְעַט, אַ מָקוֹם צוּ מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז אַזוֹיפִיל אָנְגֶעזָאגְט אוּן אַזוֹיפִיל גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִידוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָבָר, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בֵּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בֵּית חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ס. מִי שֶׁאֵין מִתְפַּלֵּל עַל צָרַת יִשְׂרָאֵל, נִקְרָא חוֹטֵא. וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מִתְפַּלֵל אוֹיף דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֵייסְט אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ.

סא. צָרִיךְ אָדָם לְהִתְפַּלֵּל עַל זַרְעוֹ וְעַל כָּל הַבָּאִים אַחֲרָיו. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַן הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶעפַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען ווִיל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַּף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַּף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָּן אֶת חֲבֵירוֹ)




## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# קוֹיפְן פַאר'ן קִינְד וָואס 'יֶעדֶער' הָאט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַלֶע שְׁכֵינוּת וָואס זֶענֶען דִי יָארְגַאנְג פוּן מַיין טָאכְטֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ "גֶעים בּוֹי", אָבֶער אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ ווִילְן עֶס נִישְׁט קוֹיפְן. דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיז גֶערֶעכְט פוּן אוּנְזֶער זַייט זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם? וַוייל מַיין טָאכְטֶער וֵויינְט אַז אִירֶע חַבְרְ'טֶעס זִיצְן אוּן שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, אוּן זִי דַארְף זִיצְן אוּן קוּקְן פוּן דִי זַייט. וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

רִיכְטִיג אִיז זָאלְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער אַז דִי לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט וָואס דֶער אוּן יֶענֶער טוּעֶן, אוּן אַז טַאטִי אוּן מַאמִי זָאגְן נֵיין - אִיז נֵיין; דָאס אִיז רִיכְטִיג.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וָואס וֶוערְט נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁכֵנִים; וָואלְט דַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט מֶען דַארְף קוֹיפְן - וָואלְט דִי שְׁאֵלָה גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה, אָבֶער אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלוּג אוּן ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס אַלֶע שְׁכֵנִים גֶעבְּן - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע גֶעווִינְס פַאר דִי עָתִיד פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטוּבּ, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן שְׁטוּבּ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דָאס וֵויינֶען וְכוּ'; דַיין טָאכְטֶער וֵויינְט נָאר ווִילַאנְג זִי שְׁפִּירְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט זִיכֶער מִיטְן נִישְׁט קוֹיפְן, וֶוען זִי וֶועט שְׁפִּירְן ווִי סַיי דוּ אוּן סַיי דַיין וַוייבּ גֵייעֶן נִישְׁט קוֹיפְן - גֵייט זִי וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.**

**תרפ**

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער אַ אִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וָואס יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים דָארְטְן, אוֹיבּ אָבֶער וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן אַזוֹי ווִי מַיינֶע אֱמֶת'עֶ מְקוּרָבִים, אוּן יֶעצְט קוּמְט דָאךְ דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואלְט זִיךְ אִים מִסְתָּמָא גֶעדַאכְט ווִי עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן פַארְנֶעמֶען מִיטְ'ן זוּכְן אַ וֶועג צוּ פָארְן צוּ מִיר אוֹיף שָׁבוּעוֹת, ווִי עֶר גֵייט דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט מֶען אִים גֶעמוּזְט אַנְטְפְּלֶעקְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְוָואס צוּ פָארְן וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר אִים, וַוייל עֶר וָואלְט זִיךְ כָאטְשׁ דֶערְווּאוּסְט אַז עֶר לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט. יֶעצְט אָבֶער דַאכְט זִיךְ אִים אֶפְשָׁר ווִי עֶר הָאט אַ בְּרַאוֶוער, עֶר קָאכְט אוֹיף גֶערְשְׁטְן צוּ מַאכְן בִּיר, אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן גֶערְשְׁטְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ יֶעצְט אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע פַאנְטַאזִירְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן".

**תרפא**

צְוִוישְׁן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אָרְטִיגֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט זַאסְלַאב וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען אִין רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, אוּן אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע. צְווִישְׁן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ

<<<<<<

אָנְגֶערוּפְן, וַוייזְנְדִיג מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף יֶענֶעם, "דֶער אָרֶעמַאן הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן מֶער פוּן דֶעם, לוֹיט זַיין בְּחִינָה אוּן מַדְרֵיגָה".

יֶענֶער אָרֶעמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוּם פֶּסַח צַייט אַז דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַאסְלַאב אוּן עֶר וֶועט אֶפְשָׁר בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוּן פֶּסַח אִיז דָאךְ דִי צַייט וֶוען מֶען דִינְגְט מְלַמְדִים פַארְ'ן גַאנְצְן זוּמֶער זְמַן, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז אוֹיב וֶועט עֶר אָנְנֶעמֶען אַ מְלוּמְדוֹת פָּאסְטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּ פָארְן קֵיין זַאסְלַאב, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען קֵיין שׁוּם אַרְבֶּעט, עֶר אִיז גֶעבְלִיבְּן אָן פַּרְנָסָה פַארְ'ן גַאנְצְן זוּמֶער, אַלֶעס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן מֶער פוּן וִויפִיל יֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְדִינְגֶען פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תרפב**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי זַאסְלַאבֶע אִידְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אוֹיף יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר' (יְשַׁעְי' מ"ט, ג')".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ מִיר אוּן צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ מִיר אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ מַיינֶע אֵייגֶענֶע טֶעכְטֶער, וֶוער אִיז דֶען נֶענְטֶער וִוי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן, יֶעדֶעס מָאל זֵיי ווִילְן אַרַיינְקוּמֶען מִיר, הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן בֵּיי זֵיי דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע סָארְט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים. אוּן דֶער עִיקָר שְׁוֶוערִיקֵייט אִיז בַּיים אָנְהוֹיב, וִוי לַאנְג עֶס הֵייסְט נָאךְ אָנְהוֹיב, אִיז דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ וֶוערְן מְקוּרָב. אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער אִיז דָא אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אָבֶּער אִין אָנְהוֹיב, וִוי לַאנְג עֶס הֵייסְט אָנְהוֹיב, אִיז עֶס מַמָשׁ כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז גָאר גָאר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּקוּמֶען אוּן צוּ וֶוערְן מְקוּרָב".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי צֶעפְלַאמְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן, "מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב!". אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶל בֵּיי ר' יַעֲקֹב, אַ זוּן פוּן ר' יוּדְל, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

דֶערְנָאךְ אִיז זִיךְ דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם צֶעגַאנְגֶען.

פָּארְטְּזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פופצן יאר פון אמונה און יראת שמים אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב

מיט גענוי פופצן יאר צוריק, גלייך נאך פסח תש"ע, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עס האט זיך געעפענט א נייע קאפיטל אין קהילת היכל הקודש. אין יענע טעג איז דער ראש ישיבה מיט נאך א הייפעלע אינגעלייט תלמידים פון מוהרא"ש אריינגעשפרינגען אין א שווערן אונטערנעמונג, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף געעפענט די טויערן פון דעם נייעם חדר "היכל הקודש" ברסלב אין וויליאמסבורג מיט בלויז עטליכע קינדער.

עס לאזט זיך שווער גלייבן, ווי שיין דער אייבערשטער האט געפירט, און פון דעם חלום האט זיך עס צוואוואקסן צו די פילע ברסלב'ע מוסדות "היכל הקודש", בתי מדרשים, חדרים, מיידל שולעס, כוללים, ישיבות און מוסדות החסד, וואס גייען אן היינט אין פילע שטעט אין אמעריקע, קאנאדע, ענגלאנד, און בפרט אין ארץ הקודש, וואו עס זענען דא מוסדות אין עטליכע שטעט.

די מוסדות היכל הקודש פארקויפן נאר איין זאך, עס איז אראפגעשטעלט אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט א פאקוס אויף שפעטער, די קינדער זענען די צוקונפט פון כלל ישראל, און פון זיי וועט אויסוואקסן דער קומענדיגער דור פון רבנים, מורי הוראה, מחנכים און בעלי בתים. דער ראש ישיבה שליט"א נוצט די עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפ'ן וועג ווי אזוי מוהרא"ש ז"ע האט אונז געלערנט, ווי אזוי מען קען אריינלייגן אין זיי תורה ותפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, אז עס זאל זיך האלטן אויף לאנגע יארן שפעטער, ווען דער מלמד אדער לערערין וועט שוין נישט שטיין אויף זייער קאפ, זאלן זיי וויסן אז עס נישט קיין חילוק וואס עס גייט אריבער אויף זיי, זאלן זיי געדענקען אז אלעס קומט נאר פון אייבערשטן, און מען דארף זיך ווענדן נאר צו אים.

אלע עלטערן זאגן פה אחד אז מען זעט אויף די תלמידים ותלמידות א געוואלדיגע חן, אן אידלקייט, ערליכקייט און א תמימות וואס מען טרעפט נישט געווענליך. דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובעיקר צוליב וואס די קינדער'ס ליפן שאקלען זיך כסדר און רעדן און שמועסן שטענדיג מיט'ן אייבערשטן. אלץ האבן די קינדער צו פארציילן גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט זיי, און דערציילן "מעשיות פון תפלה", ווי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן און האט צוגעהערט צו די תפילות וואס זיי האבן געבעטן.

פופצן יאר צוריק ווען מוהרא"ש איז איבערגעגאנגען אלע פרטים איבער די תלמוד תורה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, האט מוהרא"ש דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אן אינטערעסאנטן סיפור וואס עס האט זיך אפגעשפילט ווען מען האט געגרינדעט דער ערשטער ברסלב'ער בית המדרש אין וויליאמסבורג פופציג יאר פריער.

ברסלב איז דאן געווען א מושג פון וואס זייער ווייניג האבן בכלל געהערט דערפון, און מען האט זיך שטארק געמוטשעט מיט מנין אינעם ברסלבער בית המדרש. איינמאל האט זיך דער גבאי פון בית המדרש אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז דאן געווען א פרישער יונגערמאן - ווי שטארק ער מוטשעט זיך צוזאמצושטעלן דער מנין יעדן שבת. האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה!", און ווען עס איז דעמאלטס אריבערגעפארן באסעס פון פארשידענע חדרים, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן צו אים, "דו זעסט די באסעס? אזוי וועלן ארומפארן באסעס וואס וועט שטיין אויף זיי "תלמוד תורה ברסלב וויליאמסבורג".

דער גבאי האט דאס אנגעקוקט ווי א גרויסער גוזמא, האט ער זיך אנגערופן, "איר חלומ'ט בהקיץ!", "יעצט" - האט מוהרא"ש אויסגעפירט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א - "זעט מען ברוך השם אז די חלום איז מקוים געווארן!"

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **משה האממער** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק אהרן וויינבערג** הי"ו קרית ברסלב

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יחזקאל טויסיג** הי"ו לעיקוואוד

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו קרית ברסלב

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, פאר די שטעטל, און פאר אלע גוטע זאכן וואס פעלט נאר אויס, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים


## ווילט איר דורכלערנען און פארשטיין גאנץ ש"ס?

גאנץ ש"ס פארגעלערנט מיט געשמאק דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א; זייט אייך מחי'!

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >